


# אנ"ש אין ארה"ק קוקן אַרויס בכליון עינים אויף הייליגע מאָמענטן בצל הקודש פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## ביים מסע המרומם קומענדיגן סוף חודש שבט הבעל"ט

### שטייגענדער עקסטאַז ביים נגידים בעם פון איבער די וועלט צו זיין פון ענגע קבוצה מיטבאגלייטער פון רבינו שליט"א

הנה מלכך יבא לך, גרייטן זיך אנשי שלומינו תושבי ארצינו הק' מקבל פנים צו זיין פני מרן רבינו הגה"ק שליט"א וועלכער וועט קומענדיגן סוף חודש שבט הבעל"ט אָנקומען אויף א באַזוך פון צען טעג, מחזק צו זיין דעם ציבור אנ"ש, און דערביי מיטברענגען הויפענס מיט השפעות פאַר אונזערע הייליגע מוסדות "יטב לב" מיט אירע טויזנטער תלמידים שיחיו כ"י סיי אין ירושלים און סיי אין בני ברק, וואָס קוקן אַלע אַרויס מיט נאַסטאָלגישע געפילן מיטצולעבן די געהויבענע מאָמענטן בצילא דמהימנותא פון מרן רבינו שליט"א.

דער רבי שליט"א נעמט ספעציעל אונטער דעם געהויבענעם באַזוך, כדי צו באַשיינען די שמחת הנישואין בבית ב"ג הגה"צ ראש ישיבתינו הק' שליט"א פון בני ברק וואָס וועט געפראַוועט ווערן קומענדיגן חודש שבט הבעל"ט, ובבד בבד וועט דער באַזוך פאַרוואַנדעלט ווערן אין ימי חיזוק והתעלות פאַר'ן ציבור אנ"ש אין ארה"ק בפרט, און בכלל פאַר די שרידים אשר ה' קורא להם, ברכים אשר לא כרעו לבעל, וואָס וועלן אויסנוצן יעדע מינוט פונעם באַזוך צו הערן דעם דבר ה' ברמה וואָס רבינו שליט"א וועט ארויסברענגען במשך די גאַנצע צייט פון דעם מסע המרומם.

דער איצטיגער באַזוך פון רבי'ן שליט"א איז נישט אַנדערש ווי די פריערדיגע באַזוכן, ביי וועלכן דער רבי שליט"א דרוקט די גאַנצע צייט אויס עז רצונו, אַז פאַר'ן תכלית פון די נסיעה, זאָל דער באַזוך אָפּגעראָכטן ווערן דייקא אויף אַן ענגן פאַרנעם, צו געבן די ברייטע געלעגענהייט פאַר'ן ציבור אנ"ש אין ארה"ק, נהנה צו זיין פון דעם באַזוך וואָס מער אויף א פערזענליכן פאַרנעם.

שוין ביי די פריערדיגע געלעגענהייטן ווען דער רבי שליט"א

(פארזעצונג אויף זייט ד)

## היסטאָרישער מעמד "יובל השישים" וועט אָפּגעהאַלטן ווערן אין בני ברק לטובת די אָרטיגע מוסדות

ביים מסע המרומם פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א וועט אי"ה אויך אָפּגעהאַלטן ווערן דער היסטאָרישער מאָמענט, ווען עס וועט געפראַוועט דער גייסטרייכער מעמד "יובל השישים" אָפּצוצייכענען זעכציג יאָר זינט מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האָט מיט מסירת נפש ממש מייסד געווען אין בני ברק, די הייליגע סאַטמאַרער מוסדות "יטב לב" וועלכע זענען ביז צום היינטיגן טאָג א לייכטטורעם פאַר אנ"ש און פאַר'ן גאַנצן יהדות החרדית אין בני ברק.

זעכציג יאָר איז א מערקווערדיגער מספר, און עס איז א זמן מיוחד צו כאַפּן א בליק אויף צוריק צו וואָס מ'האָט דערגרייכט דורכאויס די יאָרן. יעדער מוסד וואָס צייכענט

(פארזעצונג אויף זייט ד)

## פרייליכע טעג ערוואַרטעט ביי אנ"ש אין ארה"ק לרגל השמחה בבית הגה"צ ראש ישיבתינו הק' שליט"א פון ב"ב

"קול רנה וישועה באהלי צדיקים" גרייטן זיך אנ"ש אין ארה"ק מיט א שמחה וחדוה רבה צו די געהויבענע שמחת בית צדיקים, די חתונה בבית כבוד הגה"צ ראש

(פארזעצונג אויף זייט ד)

לחזות בנועם ולבקר...

## געסט פון חו"ל וועלן "ברוב עם" באַזוכן אין די היכלי המוסדות אין ירושלים און בני ברק

פון די גאָר גייסטרייכע מאָמענטן וואָס ערוואַרטעט די ענגע קבוצה אנ"ש, נגידים בעם תומכי מוסדותינו הק' וואָס וועלן מיטבאגלייטן כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א ביים מסע המרומם, וועלן זיין די גייסטרייכע באַזוכן וואָס מ'וועט אָפּשטאַטן

(פארזעצונג אויף זייט ד)

# נדיבים בעם וועלן האָבן די זכי' מיטצוהאַלטן "נסיעה למקומות הקדושים" אין גליל צוזאַמען מיט רבינו שליט"א

## גרויס התעוררות לקראת עריכת השולחן פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א אין אתרא קדישא מירון

לרגל הילולת זקינו הגה"ק בעל קדושת יום טוב מסיגוט זי"ע אול"י כ"ט שבט

ליינט אין קומענדיגע אויסגאבע

ספאנסערט דורך
שטאפיר פאר די נסיעה
luggage & travel accessories
908 Driggs Avenue, Brooklyn, NY - 718.367.8434 - forthego.com/nsiah
FOR THE GO


הערות
הללו
קודש
הם
אין די ימי האורה פון חנוכה הבעל"ט
העלפט באלייכטן דעם אש קודש
וואס שיינט ארויס פון מוסדותינו בארה"ק
מוסדות
יטב לב
און גייט גלייכצייטיג אריין אינעם
נסיעה
פעקעדזש גורל
מיטצוהאלטן דעם
מסע המרומם
פון רבי'ן שליט"א קיין ארה"ק
קומענדיגן חודש שבט הבעל"ט
אלע וואס שליסן זיך אן מיט
$180
לטובת המוסדות וועלן אריינגיין אינעם גורל
אנ"ש וואס זענען אנגעשלאסן אינעם
מפעל החזקת מלמד
וועלן קענען אריינגיין
אין גורל פאר בלויז
$120
מסע
המרומם
של כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א
לארצינו הקדושה
על שב"ק פרשת משפטים-שקלים הבעל"ט

# בגורל

## תחלק הארץ

כדי אויספירן רצון קדשו פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א בעזהשי"ת מיטצוטראגן קיין ארה"ק גרויסע סכומים להחזקת מוסדותינו הק' פראקלאמירן מיר דעם גרויסן

**נסיעה פעקעדזש גורל**

מיטצוהאלטן דעם

**מסע המרומם**

**פון רבי'ן שליט"א קיין ארה"ק**

קומענדיגן חודש שבט הבעל"ט

אנ"ש וואס זענען אנגעשלאסן אינעם **מפעל החזקת מלמד** וועלן קענען אריינגיין אין גורל פאר בלויז

**$120**

**מסע המרומם**

של כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

**לארצינו הקדושה**

על שב"ק פרשת משפטים - שקלים הבעל"ט

אלע וואס שליסן זיך אן מיט

**$180**

**דמי נסיעה**

לטובת המוסדות וועלן אריינגיין אינעם גורל

כאפט אריין די זעלטענע געלעגענהייט וואָס

## לאו בכל יומא מתרחש

**מוסדות יטב לב**

פאר מער פרטים, און צו קויפן דעם גורל פארבינדט אייך מיט אונזערע עסקנים:

| | |
|---|---|
| ר' מאיר פערל, וויליאמסבורג | 917-836-0447 |
| ר' הלל מנשה מארמארשטיין, ווימס"ב | 347-243-8419 |
| ר' אשר זעליג בלייך, קרית יואל | 845-662-5250 |
| ר' משה חיים קאהן, בארא פארק | 718-812-5249 |
| ר' יואל נפתלי ווייס, מאנסי | 845-270-2946 |
| ר' קלמן אליעזר לעווי, מאנטריאל | 514-915-6315 |

# היסטאָרישער מעמד "יובל השישים" וועט אָפגעהאַלטן ווערן אין בני ברק לטובת די אָרטיגע מוסדות

(פארזעצונג פון זייט א)

אָפ סיי וועלכע צייט-אָפשניט פון א מספר מיט יאָרן זינט די מוסדות זענען נתייסד געוואָרן, ברענגט דאָס אטאמאטיש געהויבענע געפילן ביי דעם ציבור און קרייז וואָס געהערן זיך אָן צו דעם מוסד אָדער קהלה.

פיל מער איז דאָס איז ביי די הייליגע מוסדות אין בני ברק, וואָס זענען נישט געגרינדעט געוואָרן ווי "נאָך" א מוסד אין די שטאָט, א מוסד וואָס אפילו עס וואָלט זיך געמאַכט אַז עס וואָלט נישט געגרינדעט געוואָרן, וואָלט מען בלית ברירה זיך געקענט באַגיין אָן דעם. ניין, די בני ברק'ער מוסדות יטב לב זענען געווען א "מוז" מוסדות וואָס האָבן ממש אַריינגעברענגט א מהפיכה אין אַזאַ גרויסע שטאָט ווי בני ברק, זייענדיג די סאַמע ערשטע מוסד וואו מ'האָט געלערנט על טהרת הקודש, דייקא אויף די אידישע שפּראַך, און אָן קיין שום תערובות זרים.

היינט-צו-טאָג ווען מ'כאַפּט א בליק אויף דעם גרויסן עיר התורה בני ברק, ווערט דאָס הארץ פאַרפילט פאַר פרייד, צוזעענדיג ווי די שטאָט איז ב"ה אויסגעשטיגן מיט אירע פילע קהלות, מוסדות התורה און ישיבות, צווישן זיי פילצאָליגע מקומות וואָס פירן זיך גענצליך על טהרת הקודש, און נאָך פילע מער וואו "אידיש" איז די אָפיציעלע שפּראַך. אָט דאָס אַלעס איז צו פאַרדאַנקן יענעם גורל'דיגן מאָמענט פאַר זעכציג יאָר, ווען דער שר צבא ה' מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האָט באַשלאָסן אריינצוטאנצן אין א פרישע אונטערנעמונג, מייסד צו זיין די ערשטע ערליכע מוסדות אין די שטאָט בני ברק.

דורכאויס די נאָכפאָלגענדע זעכציג יאָר האָבן די מוסדות זיך צוברייטערט און צובליהט אויף א געוואַלדיגן פאַרנעם. פון א מוסד מיט עטליכע איינצעלנע קינדער, איז אויסגעשטיגן א פרעכטיגער מוסד מיט נאָנט צו צוויי-טויזנט תלמידים ותלמידות כ"י, זייענדיג דער גרעסטער מוסד אין בני ברק וואָס פירט זיך גענצליך על טהרת הקודש.

אין א צייט-אָפשניט פון זעכציג יאָר גייען דורך פאַרשידענע געשעענישן און פאַסירונגען. אין אַזאַ מספר פון יאָרן אַנטוויקעלט געווענליך א גאַנצע ריי מיט קאַפּיטלען היסטאָריע וואָס די מוסדות זענען אַלץ דורך דורכאויס די אַלע יאָרן. דאָס איז אין אַלגעמיין, און טאַקע בפרט ביי מוסדותינו הק' יטב לב, וועלכע זענען ממש מלומד בנסים, און במשך השנים האָט מען נישט איינמאָל שוין ח"ו ממש געהאַלטן ביים שוועל. נאָר בכוחם וזכותם של אותם זקנים מרנן רבוה"ק זי"ע און דער גרויסער כח פון מסירת נפש מיט וואָס די מוסדות ווערן געפירט, היינו דאהני לן אַז די מוסדות האָבן ב"ה א קיום ביז צום היינטיגן טאָג לשם ולתפארת.

אַצינד גרייט מען זיך צום היסטאָרישער מעמד "יובל השישים" ביי וועלכען עס וועט אי"ה פאָרגעשטעלט ווערן די גאָר רייכע היסטאָריע פון די הייליגע מוסדות, און דערביי וועט מען האָבן די זכי' צו שטיצן און מחזק זיין די הייליגע מוסדות, דערמיט מקשר צו זיין דעם גלאָרייכער עבר, צוזאַמען מיט'ן ליכטיגן עתיד, דורכ'ן שטיצן די מוסדות בהוה מיט גרעסערע סכומים.

דער מעמד יובל השישים אַנטשפרעכט צו זיין גאָר א תוכנ'פולע און גייסטרייכע. יעדע מינוט פונעם מעמד וועט זיין אנגעפילט מיט זעלטענע איבערראַשונגען און אויסטערלישע איבערלעבענישן פון וואָס די משתתפים געסט פון אויסלאַנד און אנ"ש תושבי בני ברק וועלן אי"ה הנאה האָבן יעדע מינוט פונעם מעמד.

מער פרטים איבער דעם גייסטרייכער מעמד וועט אי"ה נאָכפאָלגן.

# געסט פון חו"ל וועלן "ברוב עם" באַזוכן אין די היכלי המוסדות אין ירושלים און בני ברק

(פארזעצונג פון זייט א)

ברוב עם הדרת מלך אין די היכלי מוסדותינו הק' אין ירושלים און אין בני ברק, ביי וועלכן מ'וועט האָבן די זכי' צו זען פון דער-נאָנט את האור כי טוב וואָס איז כסדר מבצבץ ויוצא מבין כותלי המוסדות.

דער כתר שם טוב צו וואָס די הייליגע מוסדות האָבן ב"ה זוכה געווען דערגרייכט ביז ווייט, און ביי אנ"ש אומעטום הערשט כסדר א געוואַלדיגע אינטרעסע צו הערן וואָס מער מהנעשה והנשמע בין כותלי מוסדותינו הק'. טאַקע אין דאָזיגן אויסגאַבע "בקודש חזיתיך" ווערט חודש'ליך געברענגט קורצע באַריכטן פון די מוסדות אין ירושלים און אין בני ברק, און חודש-נאָך-חודש הערט מען צוריק ווי שטאַרק דער ציבור איז נהנה ביים ליינען די באַריכטן, און ווי שטאַרק דער ציבור איז אינטערעסירט צו הערן נאָך און נאך איבער הנעשה ונשמע בין כותלי המוסדות אין ארה"ק.

ביים איצטיגן געלעגענהייט קומען אי"ה צו פאָרן קיין ארה"ק א גרעסערער ציבור נדיבים בעם וואָס זענען א גאַנץ יאָר מקושר צו די הייליגע מוסדות, און אַדאַנק זייער שטיצע בעבר, בהוה ובעתיד האָבן די מוסדות ב"ה א קיום אויף ווייטער.

עס וועט דעריבער זיין א גאָר צוגעפאַסטע מאָמענט אויסצונוצן די געלעגענהייט צו באַזוכן ברוב עם אין די הייליגע מוסדות, אָנגעהויבן אין בני ברק און שפּעטער אין ירושלים עיה"ק, ביי וועלכן מ'וועט האָבן די זכי' אַליינס מיטצוהאַלטן דעם חן של מעלה מיט וואָס די מוסדות הק' זענען ב"ה באַקרוינט אויף א געוואַלדיגן פאַרנעם.

פרטים איבער די עפענטליכע באַזוכן וועט מען אי"ה איבערגעבן פאַר די חשוב'ע תומכים פערזענליך בשעת די נסיעה.

* * *

דער קלימאַקס פון דעם געהויבענעם באַזוך בכלל, ובפרט פון די נסיעה לקברי צדיקים וועט זיכער זיין דער עריכת שולחן הטהור וואָס מרן רבינו הגה"ק שליט"א וועט פראַוועון צום שלוס פונעם באַזוך לרגל הילולת זקינו הגה"ק בעל קדושת יום טוב מסיגוט זי"ע וואָס געפאַלט אויס קומענדיגן מיטוואָך פרשת תרומה, כ"ט שבט.

דער רבי שליט"א וועט פראַוועון דעם טיש אין אתרא קדישא מירון, אויפ'ן זעלבן אָרט וואו רבינו שליט"א האָט מיט עטליכע יאָר צוריק שוין מעריך געווען שולחנו הטהור לרגל הילולת זקינו הגה"ק בעל ייטב לב מסיגוט זי"ע, וואָס דער מעמד מרגש ליגט נאָך טיף איינגעקריצט אין זכרון ביים ציבור אנ"ש דיירי ארעא קדישא בפרט און אנ"ש איבער די וועלט בכלל, וואָס קענען נישט פאַרגעסן פון די עטליכע שעה נאָכאַנאַנד וואָס מ'האָט געשעפּט התרוממות און התעלות במדה גדושה ויתירה.

באַזונדער ליגט נאָך אין די ביינער די פייערדיגע דברי התעוררות וואָס רבינו שליט"א האָט משמיע געווען, מלא וגדוש מיט מוסר וחסידות, רופענדיג דעם ציבור זיך מחזק צו זיין בדרכי עבודת השי"ת און צו גיין אין די דרכים וואָס מרנן רבוה"ק זי"ע האָבן אַלץ געמאָנט און געפאָדערט, ושמעו הולך בכל מקום, האָבן די דברות קודש הילכיג אפגעקלונגען איבער דער גאָרער וועלט.

אַצינד וועט מען אי"ה ווידעראַמאָל האָבן די זכי' מיטצולעבן די געהויבענע מאָמענטן. נאָכן מתפלל זיין אויפ'ן ציון הרשב"י און נאָך די געהויבענע ריקודין אינעם חצר פון די מערה לכבוד התנא האלקי רבן שמעון בר יוחאי, וועט רבינו שליט"א פראַוועון דעם געהויבענעם טיש לרגל ההילולא, וואָס וועט געוויס זיין פון די שענסטע מאָמענטן פון דעם געהויבענעם באַזוך.

# פרייליכע טעג ערוואַרטעט ביי אנ"ש אין ארה"ק לרגל השמחה בבית הגה"צ ראש ישיבתינו הק' שליט"א פון ב"ב

(פארזעצונג פון זייט א)

ישיבתינו הק' שליט"א פון בני ברק, ביי וועלכן מ'וועט האָבן די זכי' זיך משמח צו זיין בהמון חוגג בראשות מרן רבינו הגה"ק שליט"א וואָס קומט ספּעציעל צו פאָרן צו באַשיינען די געהויבענע שמחה.

ביי די חתונה וועט אי"ה גיין אונטער די חופה החתן המופלג בנש"ק הרב חנני' יו"ט שליט"א, בן הגה"צ ראש הישיבה שליט"א, בנו יקירו פון כ"ק הגה"צ גאב"ד ור"מ דקהלתינו הק' שליט"א פון באָראָ פאַרק, ונכדו חביבו פון מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע. עב"ג הכלה תחי' טאָכטער פון הגה"צ רבי יצחק דוד הורוויץ שליט"א האדמו"ר מראַצפערט-בראַזיל.

די איצטיגע שמחה, ווי אַלע שמחות בביתו נאוה פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט אַרויס א געוואַלדיגן התרגשות ביים ציבור אנ"ש תושבי ארה"ק בכלל, ובפרט ביים ציבור אנ"ש תושבי בני ברק, וועלכע זענען מקושרים בכל לב ונפש צו מאורם ומדריכם הגה"צ ראש הישיבה שליט"א. במשך די יאָרן וואָס דער ראש ישיבה שליט"א שטייט אין שפּיץ פון קהלתינו הק' אין בני ברק, איז די קהלה גאָר שטאַרק נתרומם געוואָרן בכל העניינים, און אונטער זיין געבענטשטע השפעה האָט די בני ברק'ער קהלה זיך קונה געווען דעם כתר שם טוב אַלס א קהלה נאה וחסודה מיט'ן חסידישן טעם און ברען מיט וואָס די קהלה איז ב"ה באַקאַנט ביים היינטיגן טאָג.

דער ראש ישיבה שליט"א איז נודע בשערים מיט זיין געוואַלדיגן מסירות נאמנה צו יעדן איינעם פון די בני הקהלה, אָנגעהויבן פון תלמידיו הנאמנים, איצטיגע און געוועזענע תלמידי ישיבת מהרי"ט אין בני ברק, וואָס שטייט שוין אַזויפיל יאָרן אונטער זיין פערזענליכע הדרכה, און דאָס זעלבע איז דער ראש ישיבה שליט"א איבערגעגעבן צו אַלע בני הקהלה צוגלייך, זייענדיג אַלץ גרייט אַרויסצוהעלפן מיט וואָס נאָר מעגליך. וכמים הפנים אל פנים, שפּירט זיך ביי יעדן איינעם פון די בני הקהלה א געוואַלדיגע חביבות והערצה צום ראש ישיבה שליט"א, אַזוי אַז יעדע שמחה בביתו נאוה רופט אַרויס א פערזענליכע שמחה ביי יעדן איינעם פון די בני הקהלה עקסטער.

די חתונה און די נאָכפאָלגענדע טעג וועט אי"ה זיין א געהויבענע געלעגענהייט פאַר'ן ציבור אנ"ש אין ארה"ק זיך פערזענליך מתעלס צו זיין באהבים מיט כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, וואָס ווי באַריכטעט, זענען די ערשטע ימי הביקור מוקדש דייקא פאַר'ן ציבור אנ"ש תושבי ארה"ק, און דער ציבור קוקט אַרויס בכליון עינים מיטצוהאַלטן די געהויבענע ימי השמחה וואָס אנשטפּרעכט צו זיין גאָר געהויבענע און גייסטרייכע טעג.

וזאת התורה אשר שם משה

# אנ"ש אין ארה"ק גרייטן זיך מיט התרגשות דקדושה צום "מסע המרומם" פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א

(פארזעצונג פון זייט א)

האָט אונטערגענומען נסיעות קיין אויסלאַנד בכלל, ובפרט קיין ארה"ק, האָט דער רבי שליט"א אַלץ אויסדרוקליך פאַרלאַנגט אַז די נסיעה זאָל געהאַלטן ווערן אין געהיים ביז צו די לעצטע מינוט, אַלעס כדי אַז די נסיעה זאָל זיין אויף א אַן ענגן פאַרנעם, מיט וואָס א קלענערן ציבור באַגלייטער, כדי דערמיט צו געבן די געלעגענהייט פאַר'ן ציבור אין ארה"ק מיטצוהאַלטן גאָר פערזענליך יעדע מינוט פון די נסיעה.

ביים איצטיגן מאָמענט האָט דער רבי שליט"א זיך שוין אויך עטליכע מאָל אויסגעדרוקט זיין באַגער צו באַזוכן אין ארה"ק בלויז מיט אַן ענגן צאָל באַגלייטער, און עטליכע מאָל וואָס די חברי הנהלת מוסדותינו הק' זענען שוין אַריין איבערשמועסן די פרטים פון די נסיעה, האָט דער רבי שליט"א אַלץ איבערגע'חזר'ט זיין פולסטע האָפענונג אַז די נסיעה וועט נישט צוברענגן אַן אומזיסטע אָנלויפעניש קיין ארה"ק ווי עס איז אַלץ געווען שיטתו הבהירה פון מרנן רבוה"ק זי"ע.

פאָרט אָבער האָט דער רבי שליט"א באַשטימט אַז די נסיעה זאָל באַגלייט ווערן מיט דאָס השתתפות פון אַן ענגע קבוצה נגידים און פילאַנטראָפּן, אידן וואָס זענען א גאַנץ יאָר מקושר צו די הייליגע מוסדות, און שטיצן א גאַנץ יאָר די הייליגע מוסדות אין ארה"ק מיט פאַנטאַסטישע סכומים, כדי אַזוי אַרום צו געבן די געלעגענהייט פאַר די נגידים זיך נענטער צו באַקענען מיט'ן אור כי טוב וואָס שיינט אַרויס פון די הייליגע מוסדות, און צו צייגן עין בעין די גרויסע זכי' וואָס זיי האָבן מיט'ן מחזק זיין אַזעלכע פרעכטיגע מבצרי התורה וואָס זענען די פאָן-טרעגער פונעם יהדות החרדית אין ארה"ק.

אין די טעג ווערט אויסגעאַרבעט די פונקטליכע פרטים פון די נסיעה בכלל, ובפרט פונעם געהויבענעם שבת פרשת משפטים "שבת שקלים" וואָס דער רבי שליט"א פראַוועון אין בני ברק. כדי אויסצופירן רצון קדשו פון רבי'ן שליט"א ווערט אַזוי אויסגערבעט, אַז די ערשטע טעג פון דעם באַזוך וועט זיין ספּעציעל מוקדש פאַר'ן ציבור אנ"ש תושבי ארה"ק, און אָנגעהויבן פון די חתונה ביז נאָנט צום שבת קודש וועלן בלויז אנ"ש פון ארה"ק האָבן די געלעגענהייט און זכי' זיך מסתופף צו זיין בצל הקודש.

סוף וואָך פרשת משפטים וועט מען מיט'ן ריכטיגן כבוד מקבל פנים זיין די שיינע קבוצה אנ"ש נגידים בעם וואָס וועלן באַגלייטן דעם רבי'ן שליט"א אויף די נסיעה, און וועלן מיטהאַלטן די ווייטערדיגע טעג און געהויבענע מאורעות בצל הקודש, איבער וועלכע עס ווערט טיילווייז באַריכטעט אין די בלעטער פון די ספּעציעלע ביילאַגע פון היינטיגן בקודש חזיתיך אויסגאַבע.

אין די איצטיגע טעג זענען די חברי הנהלת מוסדותינו הק' דאָהי אין ניו יאָרק שטאַרק טעטיג אָנצופירן מיט די בעפאָרגרייטונגען צו דעם מסע המרומם, און אַרבעטן האַנט-ביי-האַנט צוזאַמען מיט די חברי הנהלה אין ארה"ק אויסצואַרבעטן די פונקטליכע פרטים צו פאַרזיכערן דעם קידוש שם שמים וואָס דער באַזוך וועט אי"ה ארויסברענגען.